# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ
## חיזוק פאר די וואך

**תמצית הגליון:**
הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב

**אִם עֹלָה קָרְבָּנוֹ...**

בעזרת השי"ת ▪ ויקרא\שבת הגדול תשפ"א ▪ גליון קיז'


### עס קומט יעצט ערב יום טוב – בין הזמנים, פארנומענע צייטן...

# דארף איך טאקע לערנען יעדן איינציגן טאג?

יעדער ווייסט און יעדער פארשטייט אז א איד אן תורה איז קיין איד נישט! אבער ווי וויכטיג דאס איז פאר אונז, דאס פארשטייט נישט יעדער! דערפאר, קען זיך מאכן ציַיטן וואס מען וואונדערט זיך און מען פרעגט, "היינט איז אויך פון די טעג וואס איך מוז לערנען? איז אזוי געפערליך אז דער היינטיגע טאג וועט אריבערגיין אן לערנען?!"

נאכן אדורך לערנען די וואכעדיגע פרשה און פארשטיין די געוואלדיגע נחיצות און חשיבות התורה, וועט דער שאלה שוין מער נישט זיין "**דארף איך היינט לערנען?**" נאר דער שאלה וועט זיין "**ווען גיי איך היינט לערנען?** איך מוז דאס האבן **יעדן איינציגן טאג**..."

### לאמיר לערנען א פסוק חומש און באקומען חיזוק פאר די וואך....

**אִם עֹלָה קָרְבָּנוֹ מִן הַבָּקָר זָכָר תָּמִים יַקְרִיבֶנּוּ אֶל פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד יַקְרִיב אֹתוֹ לִרְצֹנוֹ לִפְנֵי ה':** (ויקרא א ג)

איינע פון די קרבנות וואס מיר געפונען אין די וואכעדיגע פרשה איז א קרבן "**עולת נדבה**". הגם דער תורה זאגט אונז דא אז דער סארט קרבן דארף זיין פון א יונגע קו, דאך געפונען מיר בהמשך פון די פסוקים אז דער קרבן עולה האט אויך געקענט זיין פון ביליגערע בהמות ווי א שעפסעלע, שעפעלע, אדער אמאל אפי' פון עופות, געוואנדן לויט וויפיל געלט דער מענטש האט פארמאגט.

דערציילט די ילקוט (ראובני): **ומעשה היה בעשיר אחד**, עס האט פאסירט א מעשה ביי א איד, א גרויסע עושר, נישט קיין גרויסע תלמוד חכם, וואס איז ל"ע נכשל געווארן מיט א שלעכטע מחשבה'לע, ער האט געהאט א הרהור לדבר עבירה. וועלנדיג תשובה טוהן אויף די מחשבה רעה, האט ער מחליט געווען צו ברענגען א קרבן.

שכך היה בזמן שבית המקדש היה קיים, א איד וואס האט געזינדיגט און געוואלט תשובה טוהן, וואס האט ער געטוהן? געברענגט א קרבן. נו, וועלכע קרבן ברענגט מען אויף א מחשבה פון אן עבירה?

געפונען מיר אין די פרשה אז דאס איז א קרבן עולה, וואס די סגולה פון די קרבן איז געווען לכפר על הרהור הלב.[א]

דער עושר איז געגאנגען און געקויפט צוויי טויבעלעך, טראכטנדיג ביי זיך, "נאך אלעס, איז דאס נישט קיין פעטע עבירה, נאר ס"ה א הירהור!" ער איז אריינגעקומען אין בית המקדש מיט זיינע צוויי טויבעלעך און צוגעגאנגען צום כהן, "הרב כהן שליט"א, איר קענט אפשר מקריב זיין מיין קרבן "עולה"?"

דער כהן קוקט אים אן און זאגט, "אנטשולדיגט ר' איד, אבער איך קען דאס נישט מקריב זיין!"

"פארוואס נישט?" פרעגט דער עושר.

"ווייל די קרבן איז נישט דיינע!", זאגט איהם דער כהן

דער עושר כאפט נישט וואס דא גייט פאר. "פארוואס וויל מען נישט מקריב זיין מיין קרבן?!" און איז אהיים געגאנגען אינגאנצן צובראכן.

ער טרעפט זיינע קרובים און מיט ווייטאג דערציילט ער זיי, "הערט א מעשה! איך בין געגאנגען צום כהן מיט א קרבן און אים

---

[א] ילמדנו רבינו, העולה על מה היתה באה, כך שנה רבי ישמעאל העולה באה על מצות עשה ועל מצות לא תעשה. ורבי שמעון בן יוחאי אומר על הרהור הלב, שנאמר ויהי כי הקיפו ימי המשתה וישלח איוב ויקדשם והשכים בבקר והעלה עולות מספר כולם, כי אמר איוב אולי חטאו בני וברכו אלקים בלבבם. אתה מוצא אברהם היה מהרהר אחר מדת הדין, ומה היה אומר, רבי לוי אמר, כמדומה אני שקבלתי כל שכרי בעולם הזה, עזרני הקב"ה באותם המלכים, והצילני מן הכבשן, כבר קבלתי שכרי ושוב אין לי שכר בעולם הבא, א"ל הקב"ה כיון שהרהרת אחר מעשי עולה אתה צריך, לפיכך ויאמר קח נא את בנך את יחידך אשר אהבת את יצחק וגו'... (מדרש תנחומא לך לך י ועי' ברמב"ן ויקרא ו, ד)

געבעטן אז ער זאל דאס מקריב זיין... און גארנישט! ער האלט נישט דערביי! ער דרייט זיך ארויס מיט תירוצים, "די קרבן איז נישט דיינס..." וואס הייסט אז ס'איז נישט מיינס?! נאר וועמענס איז עס?!"

פרעגן איהם די קרובים, "אפשר זאגסטו אונז וועלכע סארט קרבן דו האסט געברענגט?"

זאגט ער זיי, "צוויי טויבן פאר א קרבן עולה!"

זאגן איהם די קרובים, " דער כהן איז גערעכט! אודאי איז די קרבן נישט דיינס ווייל אזא איינער ווי דו ברענגט נישט קיין טויבן! טויבן האט די תורה מחייב געווען נאר פאר אן ארימאן וואס קען נישט ברענגען קיין יונגע אקס. אבער דו, אן עושר אדיר וואס קען דאס יא ערלויבן, האט דער תורה מחייב געווען מיט א יונגע אקס. קויף אן אקס און געב עס צום כהן, וועסטו זעהן אז ער וועט דאס מקריב זיין!"

דער עושר טראכט ביי זיך, "וואס?! א גאנצע בהמה בלויז פאר א הירהור לדבר עבירה?! איך האב דאך למעשה נישט געזינדיגט!

דער עושר געבט א געשריי, "אוי וויי! געבט נאר א קוק ווי הארב איז די זינד פון א מחשבה פון אן עבירה! צוליב א הרהור אליין דארף מען שוין ברענגען א "בהמה" פאר א קרבן און מען קען זיך נישט ארויסדרייען מיט א קלייניגקייט! אוי רבוש"ע, איך בין מקבל אויף מיר פון היינט און ווייטער אכטונג צו געבן אויף יעדע הרהור עבירה!"

אבער ווי אזוי איז מעגליך אפי' נישט צו טראכטן פון אן עבירה?! די גאס... די וועלט... וואו מען שטייט און גייט איז מלא נסיונות!

זאגט דער ילקוט: פון יענעם טאג און ווייטער, האט דער עושר אנגעהויבן עוסק צו זיין בתורה, **ווייל דאס איז די בעסטע מעדעצין צו היילן הרהורים רעים! גלייך ווען א מענטש נעמט א ספר אין האנט און הייבט אן לערנען, גייען אוועק אלע הרהורים רעים פון איהם!**

כדי אוועק צו נעמען אלע הרהורים רעים פון זיך, האט דער עושר זיך אריינגעלייגט ראשו ורובו אין לערנען. לימים, איז ער געווארן גרויסע תלמיד חכם, עד כדי כך אז מען האט איהם נישט דערקענט און אנגעהויבן רופן מיט די נאמען "**יהודה אחראי**", אן אנדערע איד! ער איז נישט געווען דער זעלבע איד פון פריער! פריער איז ער געווען אן עם הארץ מיט הירהורים און יעצט איז ער געווארן א ריינע תלמוד חכם.

(ילקוט מעם לועז, ויקרא פרק א', פסוק א', הטעם השלישי)

דער מחשבות פונעם מענטש פליען אויף אלע זייטן! אויב מען וויל דאס קאנטראלירן, אויסאיידלען און ריין מאכן, דארף דער קאפ האבן די מעדעצין פון תורה!

**אחד המרבה ואחד הממעיט, אבער תורה מוז זיין...**

~

## וְשַׂמְתֶּם אֶת דְּבָרַי אֵלֶּה עַל לְבַבְכֶם...

(דברים יא, יח)

זאגט די גמרא (קידושין ל:): **ושמתם:** די ווארט "ושמתם" איז כאילו עס וואלט געשטאנען **סם-תם**, א גאנצע רפואה. ד"מ, די בעסטע רפואה וואס איז פארהאן איז די תורה! דהיינו, די תורה איז צוגעגליכן צו די בעסטע רפואה וואס איז נאר פארהאן, דאס וואס טוט דערהאלטן דער מענטש ביים לעבן.

**זאגט די גמרא ווייטער:** משל למה"ד, א טאטע האט אמאל דערלאנגט א שטארקע פאטש פאר זיין זוהן. וועלנדיג היילן די מכה, האט דער טאטע ארויפגעלייגט א מעדעצינישע באַנדאַזש וואס זאל ליגן אויף די מכה פאר א שטיק צייט און אנגעזאגט זיין זוהן, "מיין קינד, געב שטארק אכטונג אויף די באַנדאַזש. כל זמן וואס דער באַנדאַזש איז אויף די מכה, קענסטו עסן אלע סארט עסן וואס גליסט דיר, (אפי' אזעלכע סארט עסן וואס געווענדליך שאדט פאר אזא מכה). אזוי אויך, קענסטו זיך וואשן מיט הייס אדער קאלט וואסער."

"אבער אויב דער באַנדאַזש קומט אראפ, דארפסטו זייער אכטונג געבן וואס דו טוסט, ווייל דער מכה קען גרינגערהייט באקומען בלאטערלעך אדער שניטעס."

דער זעלבע זאך זאגט דער הייליגע באשעפער פאר כלל ישראל, "מיינע טייערע קינדער, איך ווייס אז איך האב אייך געגעבן א מכה, דער יצר הרע! אבער איך האב אייך אויך געגעבן א באַנדאַזש וואס קען היילן דער מכה, דאס איז דער תורה הק'! כל זמן וואס איר וועט לערנען דער הייליגע תורה, דארפט איר נישט מורא האבן פון די מכה און איר קענט געניסן פון הנאות עולם הזה ווייל די תורה הק' וועט אייך אפהיטן! אבער אויב איר וועט חלילה נישט לערנען, דארפט איר זייער אכטונג געבן פון דער מכה ווייל מיט יעדע קלייניקייט קען דער יצר הרע אייך צושפילן!" [ב]

זאגט דער מסילת ישרים: אויב דער וואס האט באשאפן דער מחלה וואס הייסט יצר הרע זאגט אייך אז דער רפואה צו דער מחלה איז די תורה הק', קענט איר זיין זיכער אז דאס איז דער איינציגסטע רפואה און קיין שום אנדערע רפואה איז נישט פארהאן...

מיט דעם יסוד, קען מען אויך פארשטיין דער אנדערע פסוק אין ק"ש...

## הִשָּׁמְרוּ לָכֶם פֶּן יִפְתֶּה לְבַבְכֶם וְסַרְתֶּם וַעֲבַדְתֶּם אֱלֹהִים אֲחֵרִים

(דברים יא, טז)

זאגט רש"י: **וסרתם**, אויב איר וועט זיך אפשיידן פון די תורה, **ועבדתם אלהים אחרים**, וועט דאס צוברענגען אז איר וועט דינען פרעמדע אפגעטער...

לכאורה דארף מען פארשטיין: ווי אזוי קען זיין אז תיכף ווען מען רירט זיך אוועק פון די תורה זאל מען שוין גיין צו די ע"ז?! מיר ווייסן דאך אז דער סדר פון די יצר הרע איז צו גיין בהדרגה, צוביסלעך-ווייז, קודם אומר לו עשה כך ומחר עשה כך עד שאומר לו לך עבוד עבודה זרה (שבת קה:). פארוואס פונקט דא ביי ביטול תורה גייט דאס תיכף צו ע"ז?

דער גאון רבי אלחנן וואסערמאן זצ"ל האט דאס מסביר געווען

---

[ב] ע' בחי' אגדות מהרש"א וכן בפי' עין יעקב

לויט ווי ער האט דאס געהערט פון זיין רבי, דער חפץ חיים.

ווען צוויי מענטשן אדער פעלקער קריגן זיך, אפי' אויב איין צד שטארקט זיך איבער דער צווייטן, הייסט דאס נאך נישט קיין נצחון ווייל עס קען גרינג זיין אז דער געפאלענער פון היינט וועט זיך מארגן שטארקן און איבערפאלן דעם זיגער פון נעכטן.

אנדערש איז אבער ווען איין צד שטארקט זיך איבער זיין קעגענער און נעמט צו זיין געווער, דעמאלטס קען מען דאס רופן א זיכערע זיג ווייל יעצט האט דער געפאלענער שוין נישט קיין שום וועג ווי אזוי זיך צוריק צו שטארקן.

זאגט דער גאון: פונקט אזוי ארבעט דער מלחמת היצר. אפי' אויב דער יצר הרע איז היינט חלילה מנצח דער מענטש און מאכט אים זינדיגן, הייסט דאס נאך נישט קיין זיכערע זיג ווייל מארגן קען דער מענטש זיך שטארקן איבער דער יצר הרע פון נעכטן און תשובה טוהן אויף זיין זינד.

אנדערש איז אבער ווען דער יצר הרע רעדט איבער א מענטש נישט צו לערנען און דארט איז ער אים מנצח. דאס איז שוין א געפארפולע מלחמה ווייל יעצט האט ער שוין אויך צוגענומען די כלי מלחמה (כמש"א בראתי יצר הרע בראתי תורה תבלין כנגדו). דערפאר, זאגן אונז חז"ל: די עבירה איז דייקא אנדערש פון אלע אנדערע עבירות. ביי די עבירה קען דער מענטש אנקומען גרינגערהייט צו ע"ז ווייל ער האט נישט ווי אזוי זיך צוריק צו שלאגן.

דערפאר, ווערט גע'פסק'נט אין שו"ע אז יעדער דארף לערנען! אפי' אן עני המחזיר על הפתחים איז אויך מחויב בלימוד התורה, דער חילוק איז נאר וויפיל. פונקט ווי דער קרבן עולה האט געקענט זיין פון א קעלבעלע, שעפסעלע, שפעלע אדער אפי' אמאל פון א פייגעלע, געוואנדן לויט וויפיל דער מענטש האט פארמאגט, אזוי אויך **כל העוסק בתורת עולה כאילו הקריב עולה**, לויט וויפיל יכולות דער מענטש פארמאגט, אזויפיל זאל ער זושטעלן.

אויב קענסטו צושטעלן מער, באגניג זיך נישט מיט ווייניג. אויב קענסטו נישט צושטעלן אסאך, שטעל צו כאטש דער מינימום קביעת עיתים לתורה, דריי זיך נישט ארויס... **אבער תורה מוז זיין...**

~

## ווען האט דער שכינה גערוהט אויפן משכן?

### ווען עס איז געבויעט געווארן א בית המדרש צו לערנען!

זאגט דער ילקוט (ריש פ' פקודי): **א"ר יוחנן לשני בקרים הביאו כל המשכן והותירו**, די אידן האבן געברענגט אלע נדבות פאר די משכן אין צוויי טאג, מיט אזא שפע אז עס איז געווען איבער-געגוג, (ווי עס איז ברייט אויסגעשמועסט געווארן אין די פריערדיגן גליון.)

**אמר משה לפני הקב"ה**, "רבש"ע, מיר האבן שוין אלעס געענדיגט מאכן פארן משכן און מיר האבן נאך אסאך נדבות, וואס זאלן מיר טוהן מיט די אלע נדבות וואס איז איבערגעבליבן?" זאגט איהם דער רבוש"ע, "**לך ועשה מהם משכן לדברות**, מאך פון דעם א משכן פאר די עשרת הדברות."

וועלכע סארט משכן דארף מען האבן פאר די עשרת הדברות? זאגט דער "יפה תואר": דאס מיינט מען א ביהמ"ד ללמוד תורה.

זאגט דער סאטמאר רבי זי"ע אין זיין ספר דברי יואל (סוף פרשת ויקהל): ואפ"ל פארוואס האט מען געדארפט אויפשטעלן א ביהמ"ד ללמוד תורה גלייך ביים הקמת המשכן?

וויבאלד די משכן איז געווען א מקום מוכן להשראת השכינה, האבן די אידן געדארפט מאכן א הכנה גדולה כדי צו קענען זוכה זיין צו דעם. די ראש וראשון פון די הכנה איז געווען לימוד התורה!

פארוואס? ווייל די תורה לערנט אויס א איד אפצוהיטן די מצות השי"ת און ווי אזוי צו דינען דעם אייבערשטען מיטן גאנצן הארץ, וואס נאר דורכדעם קען מען זוכה זיין צו השראת השכונה. משא"כ אן לימוד התורה, ווייסט מען נישט ווי אזוי צו דינען דעם אייבערשטען אז די שכינה הק' זאל זיך ווייטער קענען האלטן צווישן אונז...

אפי' ווען מען איז שוין יא זוכה צו השראת השכינה, דארף מען נאך אלץ א סגולה עס צו קענען אנהאלטן, ווייל אן די תורה הק' קענען מיר תיכף פארלירן די געוואלדיגע השראת השכינה...

דערפאר, כל זמן וואס עס איז נישט געווען א מקום פאר לימוד תורה, איז דער משכן נישט געווען פארטיג. אפי' נאכן מקריב זיין אלע קרבנות לחנוכת המשכן, האט דער שכינה נאך אלץ נישט דארט גערוהט ביז נאכן בויען דאס בית המדרש.

ווייל אויב מיר ווילן אז די שכינה הק' זאל בלייבן רוהען צווישן אונז, דארפן מיר זיין בני תורה, מענטשן וואס לערנען און זענען עוסק אין די תורה הק', ווייל נאר אזוי קענען מיר זיין ערליכע אידן.

אזוי אויך, דארפן מיר מחנך זיין אונזערע קינדער צו לערנען און ליב האבן צו לערנען (ווי דער רבי איז דער ממשיך), ועי"ז וועלן מיר קענען אויפשטעלן הייליגע דורות וואס זאלן זיין ראוי להשראת השכינה...

זאגט דער פלא יועץ (ערך תורה): **אפי' ווען א קינד** לערנט שוין ביי א מלמד תינוקות, זאל מען נאך אלץ וויסן "**הלימוד של בית הוא העיקר!". ובכל יום, בכל לילה, בכל שבת ובכל עת שהוא פנוי, ילמד עם התינוק כפי כוחו.**

דער מענטש קען מיינען אז עס זענען דא אסאך עצות ווי אזוי צו בייקומען דער יצר הרע, אבער דער אמת איז "אין שיור רק התורה הזאת"! דער עושר האט געקענט האבן זיין כפרה דורך קרבנות, אבער צו זיין אפגעהיטן און אויסגעאיידלט, דאס האט נאר געקענט זיין דורך לימוד התורה! און ווען איז דאס געווען? טאקע אין חודש ניסן, בעת הקמת המשכן איז אונז נתגלה געווארן אז אויב מיר ווילן קענען בלייבן מיט די השראת השכינה, דארפן מיר עוסק זיין בתורה הק'.

~

## בזמן שבית המקדש היה קיים איז דער מקום השכינה געזווען אינעם בית המקדש, וואו איז היינט דער מקום השכינה?

זאגט אונז דער פסוק אין יחזקאל (יא, טז): דער אייבערשטער האט צוגעזאגט פאר יחזקאל הנביא, "**וָאֱהִי לָהֶם לְמִקְדָּשׁ מְעַט בָּאֲרָצוֹת אֲשֶׁר בָּאוּ שָׁם.**" זאגט די גמרא אין מגילה (כט.): אמר ר' יצחק: וואו איז דער מקדש מעט? דאס זענען די בתי כנסיות און בתי מדרשים אין גלות וואו די אידן דאווענען און לערנען תורה... דארט געפונט זיך דער שכינה הק'...

**און וואס זענען די קרבנות וואס מיר זענען מקריב?**

זאגט די גמרא אין מנחות (קי.): די פסוק זאגט אין מלכים (א יא): **וּבְכָל מָקוֹם מֻקְטָר מֻגָּשׁ לִשְׁמִי וּמִנְחָה טְהוֹרָה...** אין יעדע פלאץ וואו דו ביסט, קענסטו מקריב זיין פאר מיר א מנחה. פרעגט די גמרא: **בכל מקום סלקא דעתך?** קען מען דען מקריב זיין איבעראל? **אמר רבי שמואל בר נחמני אמר ר' יונתן: אלו תלמידי חכמים העוסקים בתורה בכל מקום,** דער פסוק גייט ארויף אויף יעדן תלמיד חכם וואו אימער ער געפונט זיך. ווען ער זיצט און לערנט, **מעלה אני עליהן כאילו מקטירין ומגישין לשמי,** רעכנט כביכול ווי גלייך ער איז מקריב און מקטיר א מנחה פארן אייבערשטען.

**ווי שיין און ווי הייליג איז דאס ווען מיר כאפן זיך ארויס אינמיטן די פארנומענע טעג און לויפן אין שול לערנען מיט א חברותא אדער הערן א שיעור...**

ד"ה: דאס עצם לערנען אליין, דאס איז אונזער קרבן מנחה אין גלות. ווען מיר לערנען אין בית המדרש, זענען מיר מקריב קרבנות אין משכן.

ווי די גמרא זאגט אין מגילה (שם) תיכף נאכן מימרא פון רבי יצחק: אמר אביי, "אמאל פלעג איך דאווענען אין בית הכנסת און לערנען אינדערהיים, אבער נאכן מתבונן זיין אין די ווערטער פון דוד וואס זאגט אין תהילים (כו, ח): "**ה' אָהַבְתִּי מְעוֹן בֵּיתֶךָ וּמְקוֹם מִשְׁכַּן כְּבוֹדֶךָ,** וואס דאס מיינט אין בית הכנסת, האב איך אויך אנגעהויבן לערנען דארט, ווייל אויב איך וויל זיך מדבק זיין מיט די שכינה הק', דאס פאסיגסע פלאץ איז דער הויז ווי ער רוהט!

ווי שיין און ווי הייליג איז דאס ווען מיר כאפן זיך ארויס אינמיטן די פארנומענע טעג און לויפן אין שול לערנען מיט א חברותא אדער הערן א שיעור... ווייל מיר זענען דעמאלטס מקריב אזא שיינע מנחת נדבה במקום השראת השכינה און מאכן א ריח ניחוח אישה לה'.

~

לפיד אלה, קענען מיר זייער גוט פארשטיין די שטיקל גמרא אין מסכת מגילה...

## מרדכי הצדיק לערנט מיט די חכמים...

די גמרא דערציילט אין מגילה (טז): בשעת המן הרשע איז געקומען נעמען מרדכי הצדיק אים ארום צו פירן אויפן מלכות'דיגע פערד, האט ער געפונען מרדכי הצדיק זיצן און לערנען מיט די הייליגע חכמים וועגן אראפנעמען א קמיצה פון א מנחה.

המן האט זיך געוואונדערט און זיי געפרעגט (בעת וואס ער האט געווארט אויף מרדכי), "**במאי עסקיתו**? אין וועלכע ענין זענט איר יעצט עוסק?"

האבן די חכמים אים געענטפערט, "בזמן שבית המקדש היה קיים, איז געווען אזא סארט קרבן ווי א מנחה. ווען איינער האט מנדב געווען און געברענגט א קרבן מנחה, האט ער געברענגט מעהל, אויל, וכו'. דער כהן האט אראפגענומען פון די מעהל א קמיצה, א קליין ביסעלע וואס ער האט מקריב געווען אויפן מזבח און דאס ביסעלע מעהל איז געווען גענוג פאר א כפרה."

המן זאגט זיי צוריק מיט א קרעכץ, "יא יא! וואס זאל איך אייך זאגן, אביסעלע מעהל אהער, אביסעלע מעהל אהין, איר ווייסט נישט וועלכע כח דאס האט געהאט, ווייל אייער קומץ פון מעהל האט אוועק געשטופט מיין צען טויזנט ככר כסף!"

**לאמיר פארשטיין:** פארוואס האט מרדכי פונקט יעצט געלערנט וועגן דער ענין פון א מנחת נדבה? אזוי אויך, דארפן מיר פארשטיין די ווערטער פון המן, "אייער קומץ פון מעהל האט דוחה געווען מיין צען טויזנט זילבערנע רענדלעך!" וועלכע מעהל רעדט מען דא? די מעשה איז דאך געווען בזמן הגלות לאחר חורבן בית ראשון, ווער האט דען דעמאלטס מקריב געווען א מנחה?

אבער לויט ווי מיר האבן פריער געשריבן, קען מען דאס זייער גוט פארשטיין... אפי' אינמיטן די טיפעניש פון די גזירה, האט מרדכי הצדיק אונז געוואלט אויסלערנען, "טייערע אידן, איר זאלט קיינמאל נישט מבטל זיין פון אייערע שיעורי תורה, אפגעזעהן אין וועלכע מצב איר געפונט זיך!"

"איר ווייסט ווי חשוב אייער לערנען איז?! בזמן שבית המקדש היה קיים איז געווען אזא סארט קרבן ווי א מנחה. ווען איינער האט געברענגט א קרבן מנחה, האט ער געברענגט מעהל, אויל וכו' און דער כהן האט אראפגענומען א קמיצה, א קליין ביסעלע מעהל און דאס האט ער מקריב געווען אויפן מזבח. דאס ביסעלע מעהל איז געווען גענוג פאר א כפרה!"

"אין היינטיגע צייטן, בזמן הגלות, על אף וואס א בית המקדש האבן מיר טאקע נישט, איז אבער דא עפעס וואס מיר האבן יא... דאס איז דער צוזאג פונעם אייבערשטען אז "**וּבְכָל מָקוֹם מֻקְטָר מֻגָּשׁ לִשְׁמִי וּמִנְחָה טְהוֹרָה...** אין יעדע פלאץ וואו דו ביסט, קענסטו מקריב זיין פאר מיר א מנחה!" דורכ'ן לערנען די הייליגע תורה הק', וועט איר האבן פונקט דער זעלבע כפרה."

און טאקע דאס האט המן געזאגט פאר די חכמים, "איר ווייסט נישט דער כח פון אייער "לימוד פון קמיצה"! אייערע הלכות פון קומץ האט אוועק געשטופט מיין צען טויזנט ככר כסף! (המן האט ריכטיג אפגעטייטשט דעם "טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף".)

און אלע שווערע צייטן, אפי' ווען אידן האבן אלעס פארלוירן, איז אבער דא איין זאך וואס זיי האבן קיינמאל נישט פארלוירן- זייער תורה הק'! וואו דער איד גייט און וואו אימער ער געפונט זיך, נעמט ער דאס אלעמאל מיט, **כי הם חיינו ואורך ימינו ובהם נהגה יומם ולילה!**

(עס איז אינטרעסאנט צו באמערקן אז דער לימוד פון מרדכי איז טאקע געלערנט געווארן אין חודש ניסן.)

די מסכת אין מגילה ענדיגט זיך מיט די מימרא: **ת"ר משה תיקן להם לישראל שיהו שואלין ודורשין בענינו של יום הלכות פסח בפסח הלכות עצרת בעצרת הלכות חג בחג.** ווי פאסיג איז דער צייט תיכף נאך פורים, ווען עס דרערנענטערט זיך דער זמן פון בין הזמנים, זיך איינצו'חזר'ן דער מימרא, "ר' איד, פארגעס נישט פון דיין תורה! אדרבה, פארקערט גאר! פאר יום טוב איז הערשט די צייט וואס מיר דארפן לערנען מער און וויסן מער, כדי צו האבן א השגה אין די הלכות און די קדושה פון דעם יום טוב, ועי"ז וועלן מיר קענען זוכה זיין צו א הייליגן און לעכטיגן יום טוב.

# מעשה רב

### דער טאטע פארציילט...

די בעסטע חינוך מעטאד פאר זיך און פאר די קינדער איז די אלט-מאדישע עצה פון תפילה.

דערציילט א איד: יעדן אינדערפרי ביי די ברכה פון וְהַעֲרֶב נָא ה' אֱלֹקֵינוּ אֶת דִּבְרֵי תוֹרָתְךָ, האט ער עקסטער אינזין געהאט זיין חשקות התורה, אנגעהויבן ביי דעם "וְנִהְיֶה אֲנַחְנוּ"- "רבוש"ע, מאך "מיר" זיס דיין תורה, איך זאל וועלן לערנען תורה" און דערנאך ביי די ווערטער "וְצֶאֱצָאֵינוּ, וְצֶאֱצָאֵי צֶאֱצָאֵינוּ, וְצֶאֱצָאֵי עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל"- האט ער איזנין געהאט אלע זיינע קינדער. במחשבה, גייט ער אדורך קינד נאך קינד, יעדער ביים נאמען און ער האט אינזין אז אלע זאלן זיין "כֻּלָּנוּ יוֹדְעֵי שְׁמֶךָ, וְלוֹמְדֵי תוֹרָתְךָ לִשְׁמָהּ".

דאס איז דער בעסטע אומנות וואס א טאטע קען בעטן פאר זיך און פאר זיינע קינדער, ווי די גמרא זאגט: תניא רבי נהוראי אומר, "מניח אני כל אומנות שבעולם ואיני מלמד את בני אלא תורה, דאס בעסטע אומנות וואס א טאטע קען לערנען זיין זוהן איז תורה." (קידושין פב ב)

# מוסר השכל:

**שאלה: עס קומט יעצט ערב יום טוב - בין הזמנים- פארנומענע צייטן... דארף איך טאקע לערנען יעדן איינציגן טאג?**

דער תשובה איז זייער פשוט: יא!

אויב ווילסטו טראכטן ריכטיג, אויב ווילסטו בלייבן אפגעהיטן, דאן דארפסטו דער מעדעצין פון תורה!

פונקט ווי איינער וואס האט חלילה אזמ"א וואלט קיינמאל נישט ארויסגעגאנגען פון שטוב אן א אינהיילע"ר, אזוי אויך קען א איד נישט באגיין איין טאג אן תורה! כי הם חיינו ואורך ימינו...

אויב וויל מען קענען עוסק זיין בחיי עוה"ז אן ווערן געשעדיגט, דעמאלטס דארף מען האבן דעם באַנדאַזש וואס הייסט תורה! כל זמן וואס דער באַנדאַזש איז אין דיר, ווערסטו נישט געשעדיגט ווערן. אבער אויב חלילה מען נעמט דאס אראפ, דארף מען זייער שטארק אכטונג געבן ווייל מען קען זייער שנעל צוקלאפט ווערן!

אונזערע רבי'ס פלעגן זאגן: א בעה"ב וואס לערנט תורה **טראכט אינגאנצן אנדערש** ווי א בעה"ב וואס לערנט נישט! אזוי אויך, א בעה"ב וואס לערנט תורה **רעדט אינגאנצן אנדערש** ווי א בעה"ב וואס לערנט נישט!

און אויב איז דאס געזאגט געווארן אויף א גאנץ יאר, על אחת כמה וכמה יעצט, ווען מיר גרייטן זיך צום הייליגן יום טוב, וויפיל אנדערש וועט אונזער יום טוב אויסקוקן ווען מיר גרייטן זיך צו ווי עס דארף צו זיין...

ועל אחד כמה וכמה, ווען מיר געפונען זיך שוין אינעם עצם יום טוב, איז אודאי כדי זיך איינצו'חזר'ן דעם מאמר חז"ל: **לא ניתנו שבתות וימים טובים לישראל אלא לעסוק בהם בתורה** (ירושלמי שבת), א גאנצע וואך זענען מיר טאקע פאריאגט און פארפלאגט, אבער ווי שיין זעהט אויס דער יום טוב ווען דער טאטע צוזאמען מיט זיינע לעכטיגע קינדער זיצן און לערנען פלייסיג!

דעם שבת, שבת "הגדול", לאמיר זיך מקבל זיין מיטן אן אמת'ע החלטה אז "**לֹא יָמוּשׁוּ מִפִּיךָ וּמִפִּי זַרְעֲךָ... מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם.**"

און דער שאלה וועט שוין מער נישט זיין, "**דארף איך היינט לערנען?**" נאר דער שאלה וועט זיין, "**ווען גיי איך היינט לערנען?**"